STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13542

# BALADEN

Mani Leib

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מ אַ נ י ל י ב

אויסגאבע: אינזעל
פאָדערבלעטער: ז. מאוד
הויפּטפערקויף:
פערלאַג מ. נ. מייזעל
424 גרענד סט., ניו יאָרק.



# מאני לייב

# באלאדען

ארויסגעגעבען
פון פערלאג
אינזעל
ניו־יארק 1918

Copyright by Inzel, 1918.

# I בּלימעלאך
# קרענצעלאך

בלימעלעך, קרענצעלעך מאלט אויף די שויבען דער פראסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אזוי וואיענדיג בלאזט, —
גוט איז אונז איצטער ביי׳ם פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאפט אין דעם שטילינקען לעמפעל געהט אויס,
ביזקעל דער זייגער טהוט ברוגז׳לעך שעפטשענען: — „שפעט.
צייט שוין צו ליגען אין וויבען, אין ווארעמען בעט.״ —
וועל איך ביי׳ם וואיענדען בלאזען אין קוימען פון ווינט
מעשה׳לעך, ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

אין אזא נאכט האט אין וואלד זיך געטראגען א גוואלד, —
ס׳זיינען גזלנים באפאלען א פריץ אין וואלד.

צוויי פון די קוסטעס און איינער פון הינטער א בוים,
יענע צום פריץ און איינער צום פערד פאר׳ן צוים.

איז ביי דעם פריץ געווען א ברען, ניט קיין פערד.
אז ער פלעגט לויפען — אנטלויפען פון איהם פלעגט די ערד,—

איז ווי דער פערד האט פאר זיך די גזלנים דערזעהן —
האט ער דערפיהלט, אז אט באלד וועט אן אומגליק געשעהן,—

און אז ער גיט זיך דאס ראפטאם אויף דיבאם א שטעל ! —
אט און רייסט זיך ארויס פון זיין אייגענע פעל.

און אז ער גיט אין דער לופטען דעם שליטען א דרעה !—
אזש די גזלנים דערשראקענע — באץ אין דעם שניי !

אזש די גזלנים דערשראקענע לויפען אוועק
לאזען אין שניי ערגעץ ליגען די בליץ־שארפע העק.

און פון דעם פערד, איז פון לאנג שוין קיין סימן ניטא.
נאר אויפ'ן שנייאיגען פעלד ווי א פינטעלע גראה

שפרינגט ער א ווילדער, א ווילדער, — א שפרונג און א מייל !—
לאזט דא און דארט נאך זיך איבער א שנייאיגען זייל.

שפרינגען די מיילען אהינטער, פעלד אוים און פעלד איין.
ס׳האט שוין דעם מזרח געצונדען דער מארגינער שיין.

ווייטער און ווייטער און העל האט די זון אויפגעפראלט,
העל אויפגעפראלט און די שנייאיגע פעלדער באשטראהלט, —

טראגט זיך דער פערד ווי א ווילדער, באנאסען מיט שוים,
פיהלט ניט ערד אונטער זיך און אויף זיך ניט קיין צוים,

טראגט זיך א ווילדער, א ווילדער, א שפרונג און א מייל
לאזט דא און דארט נאך זיך איבער א שנייאיגען זייל.

ס׳האט שוין די זון זיך צום טונקעלען מעריב גענייגט,
האט אויף די שנייאיגע פעלדער איהר אפשיין געלעגט.

ווייטער און ווייטער או! אט איז געקומען די נאכט,
דאס האט דער פראסטיגער ווינד איהר פון ערגעץ געבראכט.

טראגט זיך דער פערד ווי א ווילדער אין נאכט מיט דעם ווינד,
אט—און א דארף שוין בעווייזט זיך, בעווייזט זיך, פארשווינדט.

טראָגט זיך דער פערד ווי א ווילדער, דאָרף אוים און דאָרף איין,
אָט אָט און ער איז אין אייגענעם דאָרף שוין אריין

אָט אָט און ער האַלט שוין איינעט זיין ווילדען גאַלאָפּ
אָט און ער שטעלט זיך ביים פריצישען פּאַלאַץ זיך אָפּ.

ס'איז שוין די מעשה געווען אויף'ן דריטען מעת לעת
ס'איז אין צובראָכענעם שליטען געלעגען דער פריץ, — א מת.

האָט אויפ'ן הויף זיך צובולען דער הונט אויף דער קייט,
ער האָט אפּנים דערשמעקט פון דער נאָהענט דעם טויט,

האָט ער געבולען, געבולען, געריסען די קייט אזוי לאַנג
ביז'קעל עם האָט זיך פון שליסלען דערהערט א געקלאַנג,

און א באדינער, פארשלאָפען און וואַרטשענדיג בייז
מיט א לאַנטערען אין האַנט איז צום טויער ארוים.

זעהט דער באדינער דעם פערד א פארסאָפּעטען שטעהן,
גיט ער צום שליטען א לויף און — דערשרעקט זיך אליין!

אין דער לאנטערען — א פינקעל, א פאל אינ׳ם שניי.
לויפט דער באדינער אין פאלאץ מיט ווילדען געשריי.

באלד האט דער פאלאץ באלויכטען געשיינט אין דער נאכט
מען האט דעם פריץ א טויטען אין פאלאץ געבראכט.

מען האט געפונען אין טויטענ׳ס פארגליווערטע האנט
פערעל, — זיין ווייב א מתנה — א גאנצענעם באנד.

בלימעלעך, קרענצעלעך מאלט אויף די שויבען דער פראסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אזוי וואיענדיג בלאזט, —
גוט איז אונז איצטער ביי׳ם פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאפט אין דעם שטיילינקען לעמפעל געהט אויס,
ביזקעל דער זייגער טהוט ברוגז׳לעך שעפטשענען: — „שפעט,
צייט שוין צו ליגען אין וויכען, אין ווארעמען בעט.“ —
וועל איך ביי׳ם וואיענדען בלאזען אין קוימען פון ווינט
מעשה׳לעך, ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

# II בּלימעלאַך קרענצעלאַך

בלימעלעך, קרענצעלעך מאַלט אויף די שויבען דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואַיענדיג בלאָזט, —
גוט איז אונז איצטער ביי'ם פרעהליכען פייער אין הויז !
ביזקעל דער נאַפּט אין דעם שטילינקען לעמפעל געהט אויס.
ביזקעל דער זייגער טהוט ברוגז'לעך שעפּטשענען : — „שפּעט,
צייט שוין צו ליגען אין וויכען, אין ווארעמען בעט." —
וועל איך ביי'ם וואַיענדען בלאָזען אין קוימען פון ווינט
מעשה'לעך, ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזען אַ איד.
אונטער'ן אָרים אַ פּעקעל, טויט־הונגעריג, מיעד,

נאָר מיט בטחון אין הארצען צו'ם האר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלענד אין אָפענעם שנייאיגען פעלד.

פעלד הינטער איהם און פאר איהם אין דער ווייט, אין דער ברייט,
שנעע איז איהם איבער די קניע און דער וועג איז פערוועהט.

און ווי א פויגעל א ווילדער, טראגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אן שנעע, ניט א דרעה.אין ! ער לופט און פערשווינדט.

קומט באלד צוריק, רייסט דעם איזען די פאלעם און בארד,—
קוים מיט די כחות דער איד האלט זיך איין אויפ'ן ארט.

הויבט אויף דער איד צו דעם הימעל מיט רחמים זיין בליק:
גאטעניו, ברייננ דו בשלום אהיים מיך צוריק!

נאר איבער איהם איז דער הימעל א גרויער ווי בליי,
און ארום איהם טראגט דער ווינט זיך א ווילדער און פריי.

הערט ניט דער הימעל דעם אידענ'ס געבעט און געשריי,
שטויסט איהם דער ווינט און ווארפט איהם א מיעדען אין שנעע.

אויפשטעהן פון שנעע האט שוין מעהר ניט קיין כח דער איד
עפעס א פוילקייט א זיסע פילט אן יעדען גליעד.

און אין די ביינער צוגיסט זיך א ווארעמע רוה,
את און די אויגען פאמעלינקע שליסען זיך צו. —

פלוצלונג — ער גלויב זיך אליין ניט, א קרעטשמע זאל זיין?
ס'שלאגט אין דער נאכט פון א פענסטער א פרעהליכער שיין,

ס'ריפעט דער ווינט מיט'ן טויער, מאכט צו, עפענט אויף,
שליטענס געלאדען מיט סחורות פיעל שטעהען אין הויף,

און ביי די שליטענס פערבונדענע שטעהען די פערד,
עסען דעם האבער און רייסען דעם שנעע ביז'ן ערד.

פרעהט זיך דער איד וואס דער בורא האט אין אזא נאכט
איהם צו א מענשישען ישוב בשלום געבראכט.

קלאפט ער אין טיהר, און מען עפענט איהם באלד—סארא פרייד!
פרעהליכע אידישע פנים'ער, אידישע רייד!

איבער'ן שטוב גיסט דער הענג-לאמפ א ליכטיגקייט אוים.
ס'טראגט זיך א ריח פון טאבאק און בראנפען און שוויים.

גיבען די אידען איהם „שלום" — „פון וואנען א איד?"
לאכט ער, — אז ער האט געלאזט זיך צו פוס פון יאריד

און אז דער וועג איז געוועזן אביסעלע שווער,
האט ער געבלאנדזשעט ביז ער האט געטראפען אהער.

לאכען די אידען מיט איהם. נאר זיי ווערען באלד שטיל...
יעדערענ'ס הארצען פילט אן א רחמנות־געפיהל,

יעדערענ'ס פנים און שטערען ווערט כמורנע, פערטראכט,—
„ווי לאזט א איד זיך צו־פוס געהן אין אט אזא נאכט?!"

ווערט באלד, דער טיש מיט מאכלים און בראנפען געגרייט,
וואשט זיך צו'ם עסען דער איד, מאכט המוציא אויף ברויט,

זאגט צו די אידען „לחיים" — „לשלום ר' איד."
עסט ער און טרינקט, און א ווארימע, זאטיגע פריד

גיסט זיך, צוגעהט אין זיין הארץ, אזש ס'לייב ווערט איהם הייס,
ווישט מיט'ן האנט אזש פון פנים דעם ווארעמען שוויים.

עסט ער און טרינקט און ער עסט, אזש עס געהט שוין ניט מעהר,
בענשט ער, און ס'שיינט אין זיין אויג א גאטספארכטיגע טרעהר.

איצטער וואַלט ער מיט די אידען געשמועסט ביז שפּעט!
אָבער עס וואַרט און עס ווינקט איהם די פּוכאווע בעט.

אָבער די ביינער, דערוואַרעמטע, גאַרען נאָך רוה,
און ווי פון זיך זיינע אויגען האַלב שליסען זיך צו.

און צו דעם קישען עס ציהט זיך און נייגט זיך דער קאָפּ,
פאַלט ער אַזוי אין די קליידער אין בעט ווי אַ סנאָפּ.

פּלוצלונג דערפיהלט ער זיין האַלז ווערט צוזאַמענגעדריקט,
עמיצער וואַרפט זיך אויף איהם, אַז דער אָטהעם פערשטיקט!...

און ער דערזעהט באַלד זיין ווייב און די קינדערלעך שטעהן,
ברעכען די הענט, ברעכען אוים אין אַ ביטער געוויין. —

אַ ניט געוויינט האָט זיין ווייב און זיין ליבליכעס קינד,
נאָר איבער איהם אויפ׳ן פעלד האָט געוואָיעט דער ווינד.

מאָרגען פריהמאָרגען, ווען שטיל נאָך געשלאָפען איז גאָט,
זיינען שוין גוים מיט שליטענס געפאָהרען אין שטאָדט.

האָבען די גוים געפונען דעם אידען פערוועהט.
האָבען די גוים געפונען דעם אידען שוין טויט.

האָבען די גוים ארום זיך דעם טויטען צושטעלט,
האָבען זיין פעקעל צועפענט „האָ, האָ, וויפיעל געלט!“

האָבען די גוים זיין טלית און תפילין בעטראכט.
איינער א גוי האָט נאָר גראָב אויפ'ן קול זיך צולאכט,

אָבער די אַנדערע זיינען געשטאַנען ווי שטום
און נאָכאַנאַנד זיך גע'צלם'ט דערשראָקען און פרום.

בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבען דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אזוי וואָיענדיג בלאָזט, —
גוט איז אונז איצטער ביי'ם פרעהליכען פייער אין הויז!
ביזקעל דער נאפט אין דעם שטילינקען לעמפעל געהט אויס.
ביזקעל דער זייגער טהוט ברוגז'לעך שעפטשענען: — „שפעט,
צייט שוין צו ליגען אין ווייכען, אין ווארעמען בעט.“ —
וועל איך ביי'ם וואָיענדען בלאָזען אין קוימען פון ווינט
מעשה'לעך, ליעדעלעך זינגען, דערצעהלען מיין קינד.

# דער שכנף

איינס, צוויי, דריי פיער, —
קינדער קלאפּען אין מיין טיר.

— קינדער גוטע קומט אריין,
וועט איהר גוטע געסט דאָ זיין.

און ביי מיר אין קליינעם הויז
אין א רעדעל זעצט זיך אויס,

זיצט און שווייגט און ביזקעל סוף
הערט א מעשה׳לע פון שלאָף: —

אז דער ליעבער טאָג פארגעהט,
און אין מערב זייט ווערט רויט.

און די זונן אין פייער פלאם
שלאָפֿן געהט אין ווייטען ים —

דעמאָלט, ערגעץ פון דער ערד
ניט געזעהן, און ניט געהערט,

קומט דער אָוונד שטיל ארויס,
און געהט אום גאס איין גאס אויס.

איז נאָר ווי און וואו ער געהט
ווערט א פינסטערניש פארשפּרייט.

און אז קינדער גאָר נאָך קליין
שרעקען זיך צו זיין אליין,

און מען זעהט ניט וואָס צו טהאָן —
צינדט מען באלד די לאָמפּען אָן.

לייכט א לאָמפּ אין יעדען הויז.
זעצען זיך די קינדער אוים

ארום טיש, און ריידען ניט,
עסען, טרינקען וואָס מען גיט.

און א זייגער אויף א וואנט
ציילט זיך טיקטאק נאָכאנאַנד.

און אז קינדער עסען נאָך —
מאַכט דער שלאָף דערווייל א לאָך

ערגעץ אונטער בעט אין דיל,
שאַרט פון לאָך זיך שטיל, שטיל, שטיל.

זעהט ער, קינדער עסען נאָך —
קריך צוריק אריין אין לאָך.

זעהט ער, קינדער עסען אָפּ,
עסען אָפּ, און טרינקען אָפּ,

קריכט דער שלאָף פון לאָך ארוים,
שאַרט זיך ביי די ווענט פון הויז,

קריכט אין שיין פון לאָמפּ אריין,
רוימט פון שיין צו מאַמעס איין:

„האָט איהר קינדער קליין און שעהן
צייט פאר קינדער שלאָפען געהן“.

זעהען מאַמעס אז ס'איז שפּעט,
נעהמט מען אויסבעטען דאָס בעט,

און די קינדער גוט און פיין
לייגען זיך אין בעט אריין.

מאַכען זיי די אויגלאַך צו
שלאָפען איין אין גוטען רוה.

און א זייגער אויף א וואַנט
ציילט זיך טיקטאַק נאַכאַנאַנד.

און אז קינדער שלאָפען איין,
קריכט דער שלאָף צוריק אריין

אונטער בעט אין לאך פון דיל,
און ער ליגט דארט שטיל, שטיל, שטיל.

און א זייגער אויף א וואנט
ציילט זיך טיקטאק נאכאנאנד.

ליעגט דער שלאף אין לאך אזוי,
ליגט א שעה און ליגט זיך צוויי.

און אז מאמעס ווערען מיעד, —
געהען אום מיט מיעדע טריט.

האבען אלץ שוין אפגעטאהן —
און די האלבע נאכט קומט אן —

און אין פענסטער מיט איהר שיין
די לבנה קוקט אריין —

קריכט דער שלאף פון לאך ארויס,
שארט זיך ביי די ווענט פון הויז.

קריכט אין שיין פון לאמפ אריין,
רוימט פון שיין צו מאמעס איין:

„דארפט איהר מארגען אויפצושטעהן,
צייט שוין איצטער שלאפען געהן“.

זעהען מאמעס אז ס׳איז שפעט,
לייגען זיך אריין אין בעט.

לעשען זיי די לאמפען אוים.
און אז פינסטער ווערט אין הויז

מאכען זיי די אויגען צו,
שלאפען איין אין גוטען רוה.

און אז מאמעס שלאפען איין —
קריכט דער שלאף צוריק אריין

אונטער בעט, אין לאך פון דיל,
און ער ליגט דארט שטיל, שטיל, שטיל.

און א זייגער אויף א וואַנט
ציילט זיך טיקטאַק נאָכאַנאַנד.

און אין פענסטער מיט איהר שיין
די לבנה קוקט אריין.

און מיין מעשה'לע פון שלאָף
איז שוין איצטער ביי איהר סוף.

# גזלנים

זומערלעב, זומערלעב, ביימעלאך גרין,
ווינטערלעב ביימעלאך ווייסע...
אט קינדערלאך זעצט זיך אוועק ארום מיר,
איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה.

אז איהר וועט שטילינקע זיצען אזוי —
איז נעם איך די מעשה דערצעהלען;
עס האבען צוויי ברידער גזלנים געלעבט
אין פינסטערען וואלד אין די היילען.

איינער פון זיי איז א יונגער געווען,
דער צווייטער אן אלטער, א בלינדער,
דער אלטער פלעגט זיצען און היטען די היים,
דער יונגער פלעגט געהן כאפען קינדער.

ער פלעגט אוועק אין א פינסטערע נאכט,
א כאפ טאָן א קינד און אנטלויפען,
און ברייגגען דעם קינד צו דעם אַלטען אהיים,
דערנאָך צו ציגיינער פארקויפען.

איינמאָל, עס טרעפט אין א פינסטערע נאכט,
אין וואלד האָט א שטורעם געוויטערט:
פון שטורים געקרעכצט יעדער בוים האָט אין וואלד,
די היילען אזש האָבען געציטערט.

זיינען די ברידער גזלנים ביים טיש
פאר'שכור'ט און פרעהליך געזעסען:
זיי האָבען געטרונקען דעם טייערסטען וויין,
די בעסטע מאכלים געגעסען.

פלוצלינג זיי הערען א קינדערש געוויין
צוגעהט זיך פארגעהט זיך אין שטורעם!
„מיין מאמע מיין מאמע איך בלאָנזשע אליין!..."
א קינדערש געוויין, אז אפילו א שטיין
געקענט וואלט צוגעהן פון יסורים.

אבער די ביידע גזלנים פאר פרייד,
זיי האבען געטאנצט און געשפרונגען.
פאר זיי האט דאס קינדערש געוויין ווי א בארג
ציגיינערשע רענדלאך געקלונגען.

האט זיך דער יונגער פון קאפ ביז די פיס
מיט העק און מיט מעסער באהאנגען.
און איז דורך די היילען צום וואלד נאכ'ן קינד
מיט בליציגע אויגען געגאנגען.

געהט ער א שעה, און געהט אזוי צוויי,
און וואס איז דא לאנג צו דערצעהלען? —
ער געהט שוין ארום אזוי זיבען מעת־לעת
און קען ניט ארויס פון די היילען.

און אין די גאנצענע זיבען מעת לעת
וואו ער זאל זיך ווענדען און קערען —
דאס קינדערש געוויין טראגט זיך דא אום פאר איהם.
און וויל גאר אנטשווינען ניט ווערען.

האט ער די גאנצענע זיבען מעת לעת
געריסען די היילען, די שטיינער. —
אז ער האט צובראכען די מעסער און העק,
געריסען האט ער מיט די ציינער.

וואס איז דערוויי מיט'ן בלינדען געשעהן ? —
ער איז דאך א שיף אהן א רודער ? —
דער בלינדער האט גאנצענע זיבען מעת לעת
געוויינט נאך זיין יונגערען ברודער.

און אויך דער נאכט פון דעם אכטען מעת לעת,
דער ברודער איז נאך ניט געקומען —
האט ער אזוי ביטער און שטארק זיך צואוויינט,
ביז ער האט זיין ראיה באקומען.

איז ער זיין ברודער צו זוכען אוועק :
און ווייט אין א הייל א פארדרעהטען,
אהן ציינער, די ליפען צוקרימט און צולאמט,
האט ער איהם געפונען א טויטען.

איז ווי ער האָט איהם געפונען אזוי
אהן צייגער א טויטען דאָ ליגען,
ברעכט פּלוצלונג דער טויטער ארויס א געוויין:
„מיין מאמע מיין מאמע איך בלאַנדזשע אליין...“
און ווערט באַלד אויף איביג אנטשוויגען.

גרוי ווי דער אלטער איז פריהער געוועז,
פון שרעק איז געוואָרען נאָך גרויער;
און איבער'ן מת האָט ער זיבען מעת לעת
געוואכט אין געוויין און אין טרויער.

און אויף דער נאכט פון דעם אכטען מעת לעת,
אין וואלד איז א שטורעם געוואָרען,
האָט אזוי ביטער און שטארק זיך צוּוויינט,
ביז ער האָט זיין ראיה פארלאָרען.

זיצט זיך פון יעמאָלט דער בלינדער און וויינט
און קען ניט ארויס פון די היילען...
און סוחרים וואס פאָהרען אין נעכט דורך'ן וואלד
דערשראָקענע נאָכדעם דערצעהלען:

אז ווען מען פאָהרט אין די נעבט דורך'ן וואַלד
אַ קינעדרש געוויין קען מען הערען,
אַ קינעדרש געוויין אַז אַ שטיין וואָלט צוגעהן:
„מיין מאמע מיין מאמע איך בלאָנזשע אליין !...“
און וויל גאָר אנטשוויגען נים ווערען.

אבער דאָס וויינט נים קיין קינד אינ'ם וואַלד, —
מען לאָזט נים אין וועלדער קיין קינדער.
דאָס וויינט גאָר אין פינסטער'ן וואַלד אין די נעכט
דער אַלטער, דער גזלן דער בלינדער.

זומערלעב, זומערלעב ביימעלאך גרין,
ווינטערלעב ביימעלאך ווייסע,
אַ גלעקעל אריין און אַ גלעקעל ארוים,
און דאָס איז די גאַנצענע מעשה.

# דער פרעמדער

קאלט און פינסטער איז די נאכט.
טיר און טויער צוגעמאכט.

פענסטער בלינדע אהן א שיין
שטארען אין דער נאכט אריין.

קאלט און פינסטער, קאלט און שפעט,
שלאפט זיך יעדער אין זיין בעט.

שלאפען שלאפט נאר ניט דער ווינד
און די בילענדיגע הינד.

און דער פרעמדער שלאפט נאך ניט, —
און מיט וואקלענדיגע טריט

און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק
און פאַרגאַרטעלט מיט אַ שטריק,

מיט אַ טאַרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.

זעהט ער ווייט אַ פּאַלאַץ שטעהן,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ געהן.

בים עם קרעהט דער ערשטער האָהן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:

סטוק סטוק סטוק — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!

איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...

סטוק סטוק... — פרעמדער, געה אַוועק,
אונזער קליינעם קינד ניט וועק,

זאט און ווארים אין ליו־ליו
שלאפט זיך אונזער קינד אין רוה...

בויגט דער פרעמדער איין דעם קאפ,
קעהרט זיך פון דעם פאלאץ אפ.

זעהט ער ווייט א שטיבעל שטעהן,
לאזט ער זיך צום שטיבעל געהן.

ביז עס קרעהט דער ערשטער האהן,
קלאפט ער אין דעם שטיבעל אן:

סטוק סטוק סטוק. — ווער קלאפט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!

איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...

און דער פרעמדער ווארט ניט פיעל,
אימיץ שארט זיך אין דער שטיל

בײַ דער טיר און בײַ דעם שלאָס.
קומט אַרױס דער באַלאַבאָס:

— פֿרעמדער, פֿרעמדער, קום אַרײַן,
װעסט מײַן גוטער אורח זײַן.

און דער פֿרעמדער בױגט זיך אײַן,
קריכט אין שטיבעל קױם אַרײַן.

קומט אַרײַן און אָטעמט שװער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער.

און ער זאָגט אַרױסעט גלײַך:
— נו, אַ פֿינסטערניש בײַ אײַך!

ענטפֿערט איהם דער באַלעבאָס:
— קױפֿען נאַפֿט ניטאָ פֿאַר װאָס.

— װר־װר־װאו, און איז בײַ אײַך דאָ קאַלט
ממש װי אין מיטען װאַלד.

ענטפערט איהם דער באַלעבאַס:
— קויפען האַלץ ניטאָ פאַר וואָס.

— הייסט עס, ס'איז ניט פרעהלאך דאָ.
און קיין ברויט איז אויך ניטאָ?

ענטפערט איהם דער באַלעבאַס:
— קויפען ברויט ניטאָ פאַר וואָס.

אַך און וועה צו מיינע זינר,
אז מיין הונגעריגעס קינד

האָט געוויינט פארשמאַכטערהייט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקעל ברויט!"

און אַהן כוחות ליעגט עס שטיל
איצטער אויפ'ן הארטען דיל...

קראַצט דער פרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפ'ן דיל אַראָפּ.

שפרייט זיין אַלטע טאָרבע אויס,
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:

— אַז ס'איז פינסטער דאָ און קאַלט
ממש ווי אין מיטען וואַלד,

אַז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לעג איך מיר זיך אַט־אַ־דאָ...

איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָהן אַ קרעה.

ווי עס קרעהט אַזוי דער האָהן,
צינדט די לאָמפּ אַליין זיך אָן,

און דער אויווען, גוט און פיין,
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך איין,

און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער פלייש און פיש

און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

און דער פרעמדער — אַט געוועז,
אַט געוועז און אַט געזעהן —

פלוצלונג טוט אַ זאָג, און לאַכט:
— באַלעבאָס אַ גוטע נאַכט!

און ער פליהט ווי ער איז גרויס
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.

— אַי אַי נסים, אָדער וואָס?
טראַכט ביי זיך דער באַלעבאָס,

נאָר ער זעהט: דער אויזוועז ברענט,
און דער לאָמפּ בעלייכט די ווענט,

און דער טיש אַ פולער שטעהט
מיט מאכלים צוגעגרייט.

טראכט דער באַלאַבאָס ניט פיעל,
הויבט ער אויף דעם קינד פון דיל,

וואַשען זיי זיך עסען פרום,
זעצען זיך ביים טיש אַרום.

עסען זיי און לויבען גאָט
פאַר זיין חסד און גענאָד.

און אין דרויסען פייפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.

לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מען זוכט אַ לאָמפּ אַרום.

זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ ניטאָ.

און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און אין דרויסען פייפט דער ווינד,

און אין דרויסען פייפט דער ווינד
און עס בילען בייז די הינט,

נאָר דעם פרעמדען אַרט עס ניט.
און מיט וואַקלענדיגע טריט,

מיט דער טאָרבע אויף די הענט
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט,

שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט, אין וויַיטען וועג.

# די נזיקין

אין ברוקלין אין א שטיבעל
אהן ווענט און אהן א דאך
האט זיך געוואהנט אן ארימאן
מיט קינדערלאך א סך.

און דארט ביי זיי אין שטיבעל
איז נים געווען קיין ברויט,
ווייל דארט אין שטיבעל האט מיט זיי
געוואהנט די גרויע נויט.

־ער ארימאן פלעגט אויפשטעהן
אז שלאפען פלעגט די וועלט
און געהן צופוס ביז אין ניו־יארק
פארדינען עפעס געלט.

און אז די זון פלעגט אויפגעהן
און ביז די זון פארגעהט —
די קינדער פלעגען וויינען שטארק:
— אוי מאמע, מאמע ברויט!

די גרויע נויט פלעגט זיצען
ביים אויוועז אויף א שטיין
און זעהען אלע און פרעהען זיך
און שארפען מיט די ציין.

די מאמע פלעגט דאס זעהען
און וויינען שטילערהייט,
און טרייסטען איהרע קענדערלאך:
— וואס דארפט איהר קינדער, ברויט? —

איהר ווייסט דאך אז דער טאטע
איז אין ניו־יארק אוועק,
ער וועט אייך ברענגען פון ניו־יארק
צוויי גרויסע פולע זעק, —

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּעל און מיט ניס,
מיט קיבעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניג זיס.

די קינדער פלעגן הערען,
זיי האָבען זיך געפרעהט,
און פלעגען שוין דעם גאַנצען טאָג
ניט בעטען מעהר קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע
געוואָרט ביז שפּעט ביינאַכט
און זעהען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיים געבראַכט.

דער אָרימאַן פלעגט קומען
ביינאַכט, פאַזאָרגט און מיד,
און זאָגען צו די קינדערלאַך:
— היינט האָב איך גאָר נישט ניט.

די קינדער נעהמען וויינען:
— אוי ברויט, א שטיקעל ברויט!
דער טאטע שווייגט, די מאמע זיפצט
און ווינשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט ביים אויווען
זי זיצט זיך אויף איהר שטיין.
און זעהט עס אלץ און פרייט זיך אלץ
און שארפט זיך אלץ די ציין.

נאר איינמאל האט געטראפען,
געשלאפען איז די וועלט,
דער ארימאן געהט אין ניו־יארק
פארדינען עפעס געלט.

אט ערשט איז ער פון שטיבעל
צופוס אזוי אוועק
און פלוצלונג קומט ער באלד צוריק
און טראגט צוויי פולע זעק.

צוויי פולע זעק מיט חלה'ס
מיט עפּעל און מיט ניס,
מיט קיכעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניג זיס.

און נעהמט די קינדער וועקען, —
ער וועקט זיי און ער לאַכט:
שטעהט אויף איהר ליעבע קינדערלאַך,
זעהט וואָס איך האָב געבראַכט!

נו, האָט מען דאָס אין שטיבעל
א ביסעל זיך געפרעהט! —
נאָר ניט געפרעהט האָט זיך מיט זיי
די בייזע גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרען
א קליינע, קליינע גריל,
און איז פאַרקראָכען אונטער דיל
און האָט צואווינט זיך שטיל.

# איינגע
# ציינגע
# כוואטן

כ׳האָב אַ מעשה׳לע אַ שעהנע,
פאַר די קינדער מיינע קליינע.
זייט זשע קינדער שטיל און שאַ,
ס׳איז מיין מעשה׳לע אַזאַ: —

ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט פון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַהנען,
ניט מיט שיפען, ניט מיט פערד —
ערגעץ אויף אַ ווייטער ערד

האָט אַ טאָל זיך דאָרט געפונען,
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירעל ווייט און גלייך,
ווייט און גלייך אַ קליינער טייך.

און ביים טייך, פוןביידע ברעגען,
זיינען שטיבער פיעל געלעגען.
שטיבער, גאסען און א מארק,
און ביים זייט פון מארק א בארג.

און די גוים און די אידען
האבען דארט געלעבט צופריעדען;
ווער אין פרייד און ווער אין נויט,
יעדער האט געהאט זיין ברויט.

האט זיך איינמאל דארט געטראפען
אז דער זומער איז אנטלאפען.
נו, איז וואס איז דא דער שרעק,
אז דער זומער לויפט אוועק? —

נאכ'ן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און בעשפינט ער
שטיבער, בארג און מארק און פלויט
אין א שנייאיג ווייסען קלייד.

ווייס און ליכטיג א פערשנייטער
און א ווייטער און א ברייטער
שטעהט אזוי דער ווייטער וועג,
ביז די לינדע פסח־טעג.

גוים קומען זיך צופאהרען,
פיהרען פולע שליטענס קארען,
גענז און האלץ און שטרוי, און חיי,
אנגעלאדען אט אזוי.

אידען שמאיען אום און לויפען,
דינגען, קויפען און פערקויפען;
יעדען אידען'ס פנים שיינט:
ס'ארא מארק אביסעל חיינט!

חברה לויפען אויף די גליטשען,
מאכען קונצען, הילכען, קוויטשען,
און דער אייז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימעל אין דער חויך.

שקצים אין די גרויסע היטלעך
פליהען בארג אראפ אויף שליטלעך
מיט א פייף און א געשריי,
קוליע, קוליע, און אין שניי!

אינגלעך ראַיען זיך און שלעפּען,
קייקלען קלעצער שניי און קלעפּען
פעטער שנייער'ם גוט און וואויל,
מיט א נאָז און מיט א מויל.

שטעהט א אינגעל ביי דעם טויער,
רייבט דעם אויער: פעטער שנייער,
זאָלסט אזוי ביז פסח שטעהן,
ביז מען דאַרף אין חדר געהן.

אָבער דאָס איז פאַרגעקומען,
אַז דער ווינטער איז געקומען
נאָס און פינסטער, ווי א גרוב,
כאָטש ניט געה ארויס פון שטוב.

און אַ רעגען האָט געגאָסען,
ניט ווי ווינטער, נאָר ווי אָסיען,
און קיין שניי איז ניט צו זעהן,
ווייל קיין שניי איז ניט געווען.

בלאָטיג איז אין מארק געוואָרען, —
ניט צו געהן און ניט צו פאָהרען;
געהן און פאָהרען — וואו און ווי,
אז ס'איז בלאָטע ביז די קניע.

ווערט אַ גוי אין מארק פערטראָגען,
בלייבט אין בלאָטע שטעהן זיין וואָגען;
שעלט דער גוי, זיין בייטשעל קנאַלט,
שלעפּט דאָס פערדעל ביז עס פאַלט.

פאָהרט אַרויס אַ בעל־עגלה,
וויאָקעט, נאָ'קעט — מיט אַ קללה,
צי מיט גוטען — פערדלעך, פאָהרט,
און די פערדלעך, ניט פון אָרט!

און די אינגלעך, ווי דער סדר,
לערנען ווינטער שפעט אין חדר,
האבען זיך געשראקען שטארק
געהן אין בלאטע דורכ'ן מארק.

האבען מענשען פיעל געטרויערט,
וואס די בלאטע לאנג געדויערט,
וואס קיין שניי איז ניט צו זעהן:
און קיין שניי איז ניט געווען.

האבען מענשען זיך דערשראקען.
גוים קלינגען אין די גלאקען,
אידען טיאפקענען אין שוהל,
אז די גרויסע שוהל ווערט פול.

און די אינגלעך פון דעם חדר,
יעדער אינגעל טהוט א נדר:
— שניי געטרייער, קום שוין קום,
איך וועל ווערען גוט און פרום.

קויפט א אינגעל ניט קיין בייגעל,
קויפען פליהט ער ווי א פויגעל,
א לאמטערן פון פאפיר,
רויט און לויטערען קאליר.

נו, איז דארט געווען א אינגעל,
האט מען איהם גערופען צינגעל,
צינגעל כוואט. — און צינגעל כוואט
האט קיין מורא ניט געהאט.

ער פלעגט לאכען: א לאמטערען!
כ'האב קיין מורא ניט פאר בערען,
וועל איך מורא האבען געהן
דורכ'ן מארק ביינאכט אליין?

אינגלעך זיצען, הערען, שווייגען.
אלע ווייסען גוט, אז לייגען
צינגעל כוואט וועט קיינמאל ניט,
ער איז דאך ניט יוקעל שמיד!

און אין אווענד, ווי דער שטייגער,
קוקט דער רבי אויפ׳ן זייגער,
און ער זאָגט ארויס׳עט קוים:
— קינדער, נו, שוין צייט אהיים! —

ווערט א טומעל, טויב צו ווערען:
— בעריל רעדעל, מיין לאַמטערען,
גיב מיר פייער — קאַפּעל האָן,
צינד מיר מיין לאַמטערען אָן!

לאָזען אינגלעך זיך צוזאמען,
די לאַמטערנעס רויטע פלאַמען,
פינסטער — לייכטען זיי דעם וועג,
און זיי ציטערען פון שרעק.

פלוצלונג טהוט א פרעג א אינגעל:
קינדער, וואו איז איצטער צינגעל?
צינגעל דאָרט און צינגעל דאָ,
צינגעל איז מיט זיי ניטאָ.

קוקען זיי אין אלע זייטען —
פלוצלונג זעהען זיי פון ווייטען,
צינגעל טהוט א פאל, א כליאפ,
און אין בלאטע ביז'ן קאפ!

ווערט א ליארעם. שרייט א אינגעל:
— ווארט אויף מיר א רגע, צינגעל!
און צו צינגלען צו־צו־געהן
שרעקט דאס אינגעל זיך אליין.

צינגעל שטעקט אין בלאטע פרעהלאך,
און צוזינגט זיך פרעהלאך: הולך!
ווארפט זיך, דרעהט זיך ציהט זיך אויס,
קען פון בלאטע נים ארויס.

ווערט א יאמער: צינגעל, צינגעל!
אבער יעדער חדר אינגעל
האט ער אפגעלערענט קוים,
דארף ער קומען באלד אהיים.

בלייבט אין בלאָטע צינגעל שטעקן.
אבער צינגעל וועט זיך שרעקן?
צינגעל קלערט צו זיך אליין:
כ׳וועל אזוי ביז מאָרגן שטעהן.

כ׳וועל אזוי אין בלאָטע שלאָפן...
אָבער דאָ האָט זיך געטראָפן:
דורכ׳ן מאַרק א פריץ רייט,
זעהט ער צינגלען פון דער ווייט.

לאָזט דער פריץ זיך פון ווייטען
אויף זיין גוטען פערד צו רייטען, —
און פאַר צינגלען — איינס, צוויי, דריי,
שלעפּ — און צינגעל איז שוין פריי!

און דער פריץ איז א גוטער,
טוליעט צינגלען אין זיין פוטער,
אָבער צינגעל זידט און ברענט —
רייסט זיך פון דעם פריץ׳ס הענט.

און דער פריץ קנייטשט זיין שטערן:
— ווי, דו האסט ניט קיין לאמטערן?
געהסט אזוי אליין ביינאכט?
האט זיך צינגעל הויך צולאכט:

— א לאמטערן, א לאמטערן!
כ'האב קיין מורא ניט פאר בערן.
וועל איך מורא האבן געהן
דורכ'ן מארק ביינאכט אליין?!

לאכט דער פריץ: ס'ארא אינגעל!
זאג מיר, ווי מען רופט דיך? — צינגעל
האט קיין מורא ניט געהאט
און ער ענטפערט: צינגעל כוואט!

איז דעם פריץ שטארק געפעלען
וואס א אינגעל זאל זיך שטעלען
פאר א פריץ איינס און צוויי;
און דער פריץ זאגט אזוי:

— כ׳בין שוין גרוי און אלט געוואָרען,
בין א וועלט כ׳בין אויסגעפאָהרען,
און אַ איינגעל, אזא ברען,
האָב איך ערגעץ ניט געזעהן.

און, אז דו זאָלסט מיך געדענקען,
וויל איך אזא זאַך דיר שענקען,
וואָס די וועלט האָט ניט געהאַט;
שוויינ, און הער־זשע, צינגעל כוואַט.

כ׳האָב דעם פערד, ער קאָסט מיר טייער,
ער איז לויטער פלאַם און פייער,
פליהען פליהט ער ווי אַ פייל,
אין אַ רגע דרייצעהן מייל.

און איך האָב אַ כישוף־רינגעל,
אזא רינגעל פאַר אַ איינגעל;
טוסט איהם זיעבען מאָל אַ דרעה
און עס הויבט אָן געהן אַ שניי.

און דו קענסט אליין זיך שטעלן,
וועלכע זאך איז דיר געפעלן:
צי דער רינגעל, צי דער פערד —
אבער ניט קיין סך געקלערט!

צינדט זיך אן אין גאנצן צינגעל:
— פערד צי רינגעל, פערד צי רינגעל?
און ער ענטפערט, ניט געקלערט:
— כ'וויל דעם רינגעל מיט דעם פערד!

לאכט דער פריץ: ס'ארא אינגעל
ביזטו, צינגעל!... און דעם רינגעל
ניט דער פריץ צינגלען אפ,
און ער שפרינגט פון פערד אראפ.

און גיט צינגלען אפ די לייצע
און פאטשט צינגלען אן אין פלייצע.
צינגעל קוקט: אט אט אטא,
שוין, דער פריץ איז ניטא.

זשמורעט ציגנגעל צו די אויגען,
וויא ! און לאזט זיך פייל פון בויגען
מיט'ן רינגעל דורכ'ן מארק,
דורכ'ן מארק, און אויפ'ן בארג.

טפרו ! דער פערד בלייבט שטעהן, און ציגנגעל
טהוט א נעהם דאס כישוף־רינגעל,
טהוט איהם זיעבען מאל א דרעה
און עס הויבט אן געהן א שניי.

נו, צי דארפען מענשען זארגען ? —
מענשען שטעהען אויף פריהמארגען,
קוקען זיי און קוקען זיי :
— אי, אי, אי, זאל זיין א שניי ?

און זיי ווילען זיך ניט גלויבען,
טהוען זיי א וויש די שויבען, —
ווערט א שמחה, ווערט א פרייד !
— ס'ארא שניי האט אנגעשנייט !

זאָלען זיך די מענשען פרעהען,
ווי זיי ווילען און פערשטעהען,
זאָרגען האָבען זיי געהאַט;
וואו איז אָבער ציגעל כוואַט?

זוכט די מאַמע: ציגעל! ציגעל! —
רעדט זיך אויס אַ פלוידער־אינגעל,
אז אין בלאָטע ציגעל שטעקט,
און דער שניי האָט איהם פערדעקט.

נעהמט די מאַמע וויינען, קלאָגען,
נאָר די קלוגע מענשען זאָגען:
— לאָזט אַ אינגעל זיך ניט געהן
דורכ'ן מאַרק בייגאַכט אליין!

אָבער אַזאַ כוואַט ווי ציגעל,
און מיט אַזאַ כשוף־רינגעל,
און מיט אַזאַ גוטען פערד —
און ס'איז קיילעכדיג די ערד —

פליהט מען גיכער, פריי און זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
טאָל און בארג און וואלד און פעלד
אין דער ברייטער, ווייטער וועלט.

איז זיך צינגעל פייל פון בויגען
אויפ'ן פערד אוועקגעפלויגען,
ווייטער, ווייטער פון דער היים,
ערגעץ אין דער נאכט, אין רוים.

אבער ווען פון ווייטע וועגען
קומט דער ווינטער אַן מיט רעגען,
און קיין שניי איז ניט צו זעהן,
ווי קיין שניי וואלט ניט געווען. —

ווייזט זיך צינגעל פייל פון בויגען,
פון דער נאכט ארויסגעפלויגען,
ניט געזעהן און ניט געהערט,
אויפ'ן פריץ'ס גוטען פערד.

און ער טראָגט זיך גיכער, זיכער
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
מיט׳ן רינגעל דורכ׳ן מאַרק,
דורכ׳ן מאַרק און אויפ׳ן באַרג.

טפּרו! דער פערד בלייבט שטעהן, און צינגעל
טהוט א נעהם דעם כשוף־רינגעל,
טהוט איהם זיעבען מאָל א דרעה,
און עס פאַלט ארויס א שניי!

# דאָס ליעדעל
# פון ברייט,
# דריי מלאָכים,
# און אַנדערע

שנייעלע, שנייעלע ווייסינקער שיט
אונטער די שליטעלעך, אונטער די טריט,

קינדערלאך, איינגעלאך, מארש אין גאלאפּ,
גליטשיג דאָס שטענגעלע בערגעל אראָפּ.

גליטשיג דאָס שטענגעלע אזש ביז'ן טהאל —
קינדערלאך, איינגעלאך, איינס מיט אמאָל!

ווינטעלע, ווינטעלע בלאז ניט אזוי!
אונזערע היטעלאך ווארף ניט אין שניי.

אונזערע היטעלאך, איינס אויף דער וועלט,
פון אונזער מאמעניו, חנוכה־געלט.

וועט אונזער מאמעניו האָבען פיעל צער,
וועט אונז דער טאטעניו שמייסען דערפאר.

די זיידעס מיט די באבעס
קומען פון אלע עקען,
מיט די גרויסע טארבעס,
מיט די לאנגע שטעקענס,

און קינדערלאך וואס וויינען,
ווילען גוט ניט זיין, —
אין די גרויסע טארבעס
כאפען זיי אריין.

נאר גוטע שטילע מיידעלאך
איז זיי שטארק געפעלען:
שענקען זיי די מיידעלאך
שנירעלאך קארעלען.

און וואוילע פרומע אינגעלאך
האבען זיי שטארק האלד, —
שענקען זיי סידורים'לאך,
איינגעפאסט אין גאלד.

פאר די הענטלאך אין די רינגען,
קליינע שעהנע קינדער זינגען:
— גאט געטרייער, גיב א רעגען,
פון די קליינע קינדערס וועגען!
ווייזט א וואלקען זיך פון אויבען,
נעמען זיך די פעלדער שטויבען,
און ווי פערעל רעגען ריין
טריף טראפ, טריף טראפ, הויבט אן געהן.

נעמען זיך די פעלדער שפרייטען
פריש צואקערטע אין בייטען;
ווערען גרינע קארען זאנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאנגען:
נעמט א טהוי אויף זיי צו פאלען,
ווארעמט זיי די זון מיט שטראלען,
ווערען פעלדער געל ווי גאלד,
פול מיט קארען, ריינעם גאלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטען שארפער, גרעסער,
שניידען שניטער, שניידען, זינגען,
אזש די שארפע מעסער קלינגען,
אזש די פעלדער ווייט פארשטארבען:
און דעם קארען אין די גארבען
לייגען זיי אין סקירדעס אוים
ביז צום הימעל הויך און גרוים.

נעמען פולע פוהרען פאהרען,
פוהרען פאהרען פיהרען קארען
דורך די בערג און דורך די טאלען
אין די מיהלען אויסצומאהלען:
הויבען אן די ווינטען וועהען,
און די מיהלען פליגלען דרעהען,
מאהלען מיהלען מאהלען שנעל,
פון דעם קארען ווייסען מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הייוועז,
און פארהייצט זיין גרויסען אויוועז,
ברענט דאָס פייער, שייטלעז קנאקעז,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באקען,
קויפען מאמעס ברויט דעם פרישען,
און דערלאנגעז אויף די טישען,
עסען קינדער פרישען ברויט,
זיינען זיי געזונט און רויט.

זומער־רעגען.

שעהנער זומער לעבען.
אויבען וואָלקען שוועבען.
און אין גאס נעהמט שטויבען
ביז די וואָלקען אויבען.
געהט א שטורעם קומען.
נעהמט א דונער ברומען,
און א בליץ נעהמט בליצען.
גאָט וועט אונז בעשיצען,
און פון אונזערט וועגען
שיקען אונז א רעגען.

רעגען. גאָלד און שטראהלען
פון דעם הימעל פאַלען,
אויפ'ן פעלד זאָל וואקסען
קאָרן, היי און פלאַקסען,
אויפ'ן גאס די שטיינער

זאַלען ווערען ריינער,
רעגען, גאָלד און שטראַהלען
פון דעם הימעל פאַלען,
פאַלען צוגעצעהלטע
און פון גאָט געטהיילטע.

און פון איבער דעכער,
פון די קוימענס העכער —
גאָלדיגס עפּעס רייסט זיך,
און די זון בעוויייזט זיך,
און זי שמייכעלט מונטער
אונז אין גאַס אַרונטער.

און פון איבער דעכער,
פון די קוימענס העכער —
האָט אַ רעגענבויגען
בּרייט זיך אויסגעצויגען,
און דער רעגענבויגען
שיינט אונז פאַר די אויגען.

## א מאמע

אין פענסטער איז נאך פינסטער,
עס שלאפען נאך די קינדער,
און זי — א שטילע ווי דער טויט —
זי ברייננט שוין פרישע מילך און ברויט
פאר די קליינע קינדער.

און אלע, אויף די גאסען,
פארגעסען אויף די קינדער,
נאר זי — א שטילע, היט באהיט
פון אלדאס בייז, די קוואלע טריט
פון די קליינע קינדער...

אין אווענד היט דער זייגער...
עס שלאפען שוין די קינדער.
און זי — א שטילע ווי דער טויט —
זי זיצט, און העמדלעך ווייסע נעהט
פאר די קליינע קינדער.

אלע גאסען שלאפען
אין דער שטילער נאכט:
אויבען נאר אין הימעל
די לבנה וואכט

און א גרויסער זייגער
ציילט פון צייט צו צייט
אימיצען די שעה'ן,
ערגעץ אין דער ווייט.

און די הייזער שלאפען
אין דער שטילער נאכט:
נאר ביי אונזער פענסטער
א לאנטערן וואכט;

און ביי אונזער פענסטער
וועז ניט וועז, און מיעד,
שארעז און פארשטארבעז
שלעפעריגע טריט.

און די שכנים שלאפעז
אין דער שטילער נאכט;
נאר אין אונזער וואוינונג
אונזער פייער וואכט;

און אין אונזער וואוינונג,
ערגעץ אונטער דיל
וויינט א קליינע מייזעל
ווי א קליינע גריל.

און די קינדער שלאפעז
אין דער שטילער נאכט:
נאר די בלייכע מאמע
און די שטילקייט וואכט.

איי לי ליו ליו, איי ליו ליו,
מאַך מיין קינד די אויגלאַך צו,

דריי מאָהל קרעהט דער רויטער האָהן
קומען דריי מלאכים אַן.

שעהנע קרוינען טראָגען זיי,
ווייסע פליגעלן האָבען זיי,
מיט די פליגלען פאָכען זיי,

פאָכען לייכט, און פאָכען לינד
ארום וויעגעל פון מיין קינד.

— ערשטער מלאך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט?

זאגט דער מלאך: — אין מיין קרוין
האב איך אזא כישוף שטיין.

טהו איך מיט'ן שטעהן א דרעה,
אויף דיין קינד א דרעה אזוי,

וועט ער האבען לאנגע יאהר
און דערלעבען גרויע האר."

„קוקוריקו ריקו האהן",
טהוט א קרעה דער רויטער האהן,

און דער מלאך פון זיין קרוין
נעהמט ארויס דעם כישוף שטיין,

מחוט א דרעה איהם אויף מיין קינד,
פליה צום באלקען און פערשווינדט.

איי לי ליו ליו, איי ליו ליו,
מאך מיין קינד די אויגלאך צו.

— צוווייטער מלאך אין דער נאכט,
וואס האסטו מיין קינד געבראכט?

זאגט דער מלאך: — אין מיין קרוין
האב איך אזא עדעלשטיין,

טהו איך מיט'ן שטיין א דרעה,
אויף דיין קינד, — א דרעה אזוי,

וועט ער לערנען גוט און פיין,
וועט א תלמיד חכם זיין.

„קוקוריקו ריקו האהן“,
טהוט א קרעה דער רויטער האהן,

און דער מלאך פון זיין קרוין
נעהמט ארויס דעם עדעלשטיין,

טהוט א דרעה איהם אויף מיין קינד,
פליה צום באלקען און פערשווינדט.

איי לי ליו ליו, איי ליו ליו,
מאך מיין קינד די אויגלאך צו.

— דריטער מלאך אין דער נאכט,
וואס האסטו מיין קינד געבראכט?

זאגט דער מלאך: — אין מיין קרוין
האב איך אזא דימענטשטיין,

טהו איך מיט'ן שטיין א דרעה,
אויף דיין קינד, א דרעה אזוי,

וועט ער זיין א גרויסער גביר,
האבען אוצרות אהן א שיעור.

„קוקוריקו ריקו האהן",
טהוט א קרעה דער רויטער האהן,

און דער מלאך פון זיין קרוין
נעהט ארויס דעם דימענט שטיין,

טהוט אדרעה איהם אויף מיין קינד,
פליה צום באלקען און פערשווינדט.

איצטער שלאפט דער רויטער האהן
ווייל ער האט ניט וואס צו טהאן.

איי לי ליו ליו, איי ליו ליו,
מאך מיין קינד די אויגלאך צו.

נוובניר בּ׳

אויף דער עוועניו בי, נאך א זונ־הייסען טאג,
האט געצונדען א מענש דעם לאנטערען פון ראג:

און ביים שיין פון לאנטערען פריי, רוישיג און ווילד
האבען קינדער פארשמוצטע אין קאובאים געשפיעלט;

און ארום האבען פענסטער און שילדען געשטראלט
אויף די שטיינערנע ווענד, אויפ'ן גרויען אספאלט.

און אין שיין און אין שטויב אין א רוישיגער קייט
האבען פארלאך שפאצירט, האבען קליידלאך געווייהט.

האבען קולות געהילכט, האבען מיידלאך געלאכט,
האבען אויגען געברענט אין דער נאכט, אין דער נאכט.

אויף דער וועניו בי, פון א טענעמענט־הויז,
אין א זיידענעם קלייד איז א מיידעל ארויס.

און געשפאנט פאר'ן הויז מיט געמאסטענע טריט,
נאר איהר בליק האט געזוכט און געווארט און געבליהט...

איז א באי פון דער גאס באלד געקומען צו געהן,
האט א לוסטיגע ליעדעל געפייפט דורך די ציין,

האט דאס מיידעל דעם באי פון דער ווייטען דערקענט
און מיט פרייד און פארשעמט איהם געצויגען די הענד,

און א פארעל א נייע, געארעמטערהייט
איז געשלאסען אריין אין דער רושיגער קייט.

אויף דער וועניו בי, אין א רעדעל ארום,
זיינען מענשען געשטאנען פארטרויערט און פרום;

און א קלייניגקער אינגעלע, הייזעריג, מיד,
האט געזונגען א טרויעריג אידישע'ליעד:

„אידען, יאמערט פון אונגליק וואס אונז איז געשעהן,
אויפ'ן צעהנטען פלאר איז דער פייער געווען

און דער פייער האט אונזערע שוועסטער פארברענט...“
אט, א מיידעל געקויפט האט דאס ליעד פאר א סענט.

איז פון רעדעל ארויס, און מיט טיעפען געפיהל
האט דאס מיידעל געזונגען דאס ליעד אין דער שטיל.

אויף דער עוועניו בי, ביי דער פערצענטער גאס,
איז געשטאנען דאס פארעל. דערשראקען און בלאס,

נאר מיט אויגען צופלאמטע, פערבענקט און ענטציקט,
אויף דער פערצעהנטער גאס האט די מיידעל געבליקט:

דארטען ווייט האבען שילדען מיט גאלד־העלען שיין
זיך געריסען אין נאכטיגען הימעל אריין;

און א ווייטער געדויש האט פון דארטען געשוועבט
און מיט רייץ און באגעהר דער נשמה פארוועבט:

און דער בחור האָט עפּעס געשעפּטשעט אין פּיין. —
אין דער פערצעהנטער גאַס איז די פּאַרעל אַריין...

אויף דער עוועניו בי, האָט דערווייל זיך דערהערט,
א געקלאַנג, א געלאַף, און א טופּען פון פערד, —

ווי די קריגער באַזיגער פון ערגעץ א לאַנד,
מיט דער מעשענער מיץ, מיט'ן האַק אין דער האַנד,

זיין לעשער געקומען מיט ראַש און געבדרויז,
און זיי האָבען באַלאַגערט א טענעמענט הויז,

און אַרום און אַרום, ווי א טייך אָהן א ברעג,
זייגען מענשען געשטאַנען פאַרגליווערט פון שרעק :

אין דער טענעמענט הויז, אין א פענסטער, הויך, הויך,
האָט געשריען א פרוי, האָט געשלאַגען א רויך.

אויף דער עוועניו בי איז געגאַנגען די צייט,
און די גרוי־בלינדע נאַכט האָט געשפּאַנט ביי דער זייט.

און די נאכט האט געשפאנט און האט רוהיג און זאכט
דא א קראם צוגעשפארט, דארט א טיר צוגעמאכט;

דא און דארט אין א פענסטער געלאשען א שיין,
און די מענשען געפיהרט אין די הייזער אריין,

און מיט רוה און מיט שלאף און מיט שאטענס געשפרייט,
וואו אט ערשט האט באוועגט זיך די רוישיגע קייט.

די לבנה פון הינטער א ברעג פון א דאך
האט געלויכטען ארונטער פארנעבעלט און שוואך...

אויף דער עוועניו בי, אין דער טענעמענט הויז,
וואו די מיידעל אין זיידענעם קלייד איז ארויס

אין אן אפענעם פענסטער, געבויגען, לאנג-לאנג
איז געזעסען א מאמע פארצווייפעלט און באנג;

און זי האט אין דער נאכט מיט די אויגען געזוכט,
און געשעפטשעט ווי אימיצען וואלט זי געפלוכט.

נאר זי האט ניט געפּלוכט, ווייל אַ מאַמע אין ווען
קען איהר טאָכטערשען נאָמען נאָר שעפּטשען אזוי...

און נאָך לאנג האט די מאמע ביים פענסטער געוואכט,
און געווארט אויף איהר קינד, און געקוקט אין דער נאכט.

אויף דער עווענױ בי איז געלעגען די רוה...
נאָר די היימלאָזע עלענדע קעץ, וואו ניט וואו,

האבען שטיל אין דעם מיסט ביי די שטיינערנע ווענד
זיך געראַיעט, און בייז מיט די אויגען געברענט.

און אַ שלאָפּלאָזער מענש מיט פארשלאָפענע טריט
וואו ניט וואו איז געקראָכען געבויגען און מיד;

און אַ ווייטער פארשטיקטער געזאנג און געשריי
האט געהילכט פון אַ נאכטיגע קעלער־קאפיי;

און פון ערגעץ אַ קינד האט געוויינט אהן אַ סוף
און אַ מאַמע האט עפּעס געווארטשעט אין שלאף...

אויף דער עוועניו בי, ביי דער טענעמענט הויז,
וואו די מיידעל אין זיידענעם קלייד איז ארויס,

איז געשטאנען דאס פארעל, פארשלאפען און פויל
האט דער באי זיך געהאלטען א לולקע אין מויל

און געצויגען דעם רויך נאכאנאנד, נאכאנאנד;
און די מיידעל פארבראכען א האנד אויף א האנד

ביי די טרעפ, איז צוקנייטשטען אין זיידענעם קלייד.
איז געשטאנען פארגליווערט און בלאס ווי דער טויט,

נאר אין איהר האט א ציטער געטאן א געפיהל,
און זי האט זיך צו־וויינט אזוי שטיל אזוי שטיל...

# אינהאַלט:


I בלימעלעך, קרענצעלעך... — — — — — — — 5
II בלימעלעך, קרענצעלעך... — — — — — — — 11
דער שלאָף — — — — — — — — — — — 19
גזלנים — — — — — — — — — — — — 29
דער פרעמדער — — — — — — — — — — 37
די נויט — — — — — — — — — — — — 49
אינגעל ציגעל בוואַט — — — — — — — — 57
דאָס ליעדעל פון ברויט, דריי מלאכים און אַנדערע, 77
אויף דער עווענין בי — — — — — — — — — 97